# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | פרשת נצבים - וילך | שנת תשע"א

## פרשת נצבים - וילך

**אתם נצבים היום כולכם לפני ה"א וגו' פן יש בכם איש אשר לבבו פונה היום ללכת וגו':** זאגט רש"י **מלמד שכנסם משה לפני הקב"ה ביום מותו להכניסם בברית.** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו געזעהן פאר וויכטיג ביום פטירתו אנציווארענען אידישע קינדער אז זיי זאלן נישט נתפס ווערן נאך עבודה זרה?

אנטפערט דער **עיר דוד** לויט דעם וואס מיר געפונען צוויי טעמים פארוואס ביי די בריאה פונעם צווייטן טאג שטייט נישט **כי טוב**. איין טעם וויל אינעם צווייטן טאג איז באשאפן געווארן די וואסער, וואס משרע"ה איז דורכדעם געשטראפט געווארן צו שטארבן, און די צווייטע טעם וויל דעמאלטס זענען באשאפן געווארן די מלאכים, און כדאי מ'זאל זיך ח"ו נישט טועה זיין אז די מלאכים זענען געווען שותפים צו השי"ת במעשי בראשית, וועגן דעם שטייט נישט **כי טוב**, אז ס'זאל נישט אויסזעהן ווי זיי האבן צוגעהאלפן צו די בריאה ח"ו.

קומט אויס אז אזוי לאנג ווי משה רבינו האט געלעבט איז נאר געווען דער ערשטער טעם וועגן די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן בו ביום, אבער נאך די פטירה פון משה רבינו ווען יעדער האט געזעהן וואס פארא צרה עס איז נגרם געווארן דורך די וואסער, האט מען אנגעהויבן צו זעהן אויך דעם טעם פארוואס עס שטייט נישט כי טוב ביים צווייטן טאג.

וועגן דעם ביז היינט האט משה רבינו נישט מורא געהאט אז מ'זאל דינען עבודה זרה ווייל יעדער האט געוואוסט אז דער רבש"ע איז אחד יחיד ומיוחד און ער האט אליין באשאפן די וועלט, און וועגן דעם שטייט נישט כי טוב ביים צווייטן טאג, אבער יעצט ביום פטירתו האט משה רבינו אנגעהויבן מורא צו האבן אז אפשר וועלן אידן אנהייבן צו טראכטן אז עס איז געווען א שותף אין די בריאה ח"ו, ווייל דאס וואס עס שטייט נישט כי טוב האט דאך א צווייטע סיבה, האט ער באזונדער אנגעווארנט אידן אויף עבודה זרה לפני מותו.

### סליחות מיט די שבת'דיגע צורה

דער **בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע** זאגט א טעם פארוואס מיר פירן זיך אנצוהייבן צו זאגן סליחות דוקא נאך שבת ווייל לכאורה ווי אזוי טרויען מיר זיך אויפצוהייבן דאס פנים צו בעטן פארן אייבערשטן, אזוי ווי עזרא הסופר זאגט **אלקי בושתי ונכלמתי להרים פני אליך.**

נאר דער **מדרש** זאגט אויפן פסוק **ויברך אלקים את יום השביעי, ברכו במאור פנים,** אז א מענטש זעהט אויס שבת מיט א צווייטע צורה ווי א גאנצע וואך. וועגן דעם שטייט מען אויף צו סליחות באלד נאך שבת, ווען מיר האבן נאך דעם רושם פון די שבת'דיגע מאור פנים, אזוי טרויעט מען זיך צו צוגיין צום אייבערשטן מתפלל זיין.

דאס זאגט מען ביי די סליחות **באלו פנים נשפוך שיחים,** דאס מיינט מען די שבת'דיגע מאור פנים, וואס אזוי האט מען די שטארקייט צו קענען מתפלל זיין פאר אונז.

---

**בן מאה ועשרים שנה אנכי היום לא אוכל עוד לצאת ולבא:**

דער **כתב סופר** זאגט א הערליכע פשט אינעם פסוק, ווייל דער רמב"ם זאגט אין **פירוש המשניות** אויף מס' ברכות אויף דעם וואס ראב"ע האט געזאגט **הרי אני כבן שבעים שנה**, אז ווייל ראב"ע האט זיך זייער שטארק געפלאגט אויף לערנען מיט א גרויסע יגיעה און ער איז נישט געשלאפן ביינאכט זענען זיינע האר ווייס געווארן ווי אן אלטער איד.

לכאורה דארף מען פארשטיין, ווייל פון די גמרא זעהט זיך אויס אז דאס איז געווען א נס אז זיינע האר זענען ווייס געווארן פאר די צייט.

אנטפערט דער **חתם סופר זי"ע** אז דער דרך הטבע איז אז ווען מ'פלאגט זיך אויף לערנען זאלן די כוחות ווערן אפגעשוואכט, נאר אזוי ווי דער פסוק זאגט **שומר מצוה לא ידע דבר רע, וקוי ה' יחליפו כח**, און די תורה גיט לעבן און גבורה, וועגן דעם ווען עס האט אויסגעפעלט פאר ראב"ע אז ער זאל ווייס ווערן איז צוריק געקומען די געווענליכע דרך הטבע און ער איז יא ווייס געווארן.

לויט דעם קען זיין אז אויך **משה רבינו** איז געווען אין די בחינה אז עס איז ביי אים געווען **וקוי ה' יחליפו כח**, און ער האט מיט א שטארקייט און פרישקייט געפירט דאס כלל ישראל מיט א גרויסן כח בעוז ובגבורה. ווען עס איז געקומען די צייט אז יהושע בן נון זאל פירן דאס כלל ישראל, איז צוריק געקומען די דרך הטבע און ער איז פלוצלונג געווארן אלט און שוואך.

דאס האט משה רבינו געזאגט **בן מאה ועשרים שנה אנכי היום**, הערשט היינט שפיר איך זיך ווי איך בין אלט הונדערט און צוואנציג יאר, ווייל ביז היינט האב איך דאס נישט געשפירט, פון דעם זע איך אז **לא אוכל עוד לצאת ולבא**, ווייל עס האט זיך שוין געענדיגט מיין תפקיד פון פירן דאס כלל ישראל, און עס דארף אריבער גיין צו יהושע בן נון.

# אוצר הידיעות

## היום מלאו ימי ושנותי

די גמרא זאגט אין מס' ר"ה אויפן פסוק **בן מאה ועשרים שנה אנכי היום**, מה ת"ל היום, היום מלאו ימי ושנותי, און פון דעם לערנען חכמינו ז"ל ארויס אז משה רבינו איז געבוירן געווארן ז' אדר און ער איז נפטר געווארן ז' אדר. מלמד שהקב"ה יושב וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחודש לחודש.

דאס ענין פארוואס צדיקים ווערן נסתלק ביום הולדתם, שטייט אין ספר טעמא דקרא אז דער ירושלמי זאגט (ר"ה פ"ג ה"ח) אז אינעם יום הולדת האט א מענטש א שטארקערן מזל, און עס האט די וויניגסטע מעגליכקייטן אז ער זאל דעמאלטס שטארבן, און עמלק פלעגט זיך באנוצן מיט דעם כח אז אינעם טאג וואס ער איז געבוירן האט ער געטון פעולות פאר זיין הצלחה. אבער דאס איז נאר געזאגט געווארן ביי סתם מענטשן וואס דאס לעבן איז זייער מזל און דאס שטארבן איז זייער צרה, אבער צדיקים וואס גייען אין גן עדן בצילא דמהמנותא איז דאס שטארבן פאר זיי א טובה, ממילא איז טאקע דאס זייער שטארקער מזל צו שטארבן ביום פטירתם.

דער **מהרש"א** (קידושין ל"ח ע"א) פרעגט אז אויב הקב"ה איז ממלא שנותיהם של צדיקים צו גאנצע יארן וואלט וואן משה רבינו געדארפט שטארבן ו' אדר, ווייל ז' אדר גייט דאך שוין אריין אינעם 121'סטן יאר.

ענטפערט דער **חתם סופר** (חידושי חת"ס ר"ה דף י"א ע"א) אז באמת ביי אנדערע צדיקים איז אזוי אז זיי דארפן שטארבן א טאג פריער פונעם יום הולדת, אבער משה רבינו איז אנדערש, ווייל א געווענליכער צדיק לאזט איבער א ממלא מקום, ממילא שאדט נישט פארן דור דער טאג וואס ער ווערט נסתלק ווייל עס איז דא א צדיק במקומו, משא"כ משה רבינו האט נישט איבערגעלאזט א ממלא מקום וואס איז געווען גלייך צו אים, ווייל אזא נביא און איש אלקים ווי משה רבינו איז דאך נישט געווען, און אויב משה רבינו וואלט אוועק ו' אדר וואלט געווען ריעא מזלא א צרה פראר די גאנצע וועלט, וועגן דעם האט זיך אויסגעפעלט אז ער זאל שטארבן אינעם טאג וואס ער איז געבוירן אז די קדושה פונעם יום הולדת זאל מחפה זיין אויפן יום המיתה.

# מאוצר רבותינו

## נצבים וילך

פעם היה יהודי עשיר בשם **ר' יצחק**, אשר הצליח בנכסיו והיה עשיר גדול, ביום מן הימים התחיל לירד מנכסיו ומצבו נעשה קשה מאד, ולא ידע אופן איך לצאת מן צרותיו.

בימים לפני ראש השנה כאשר החובות הקשו עליו מאד, החליט לנסוע אל **הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע** ולבקש מלפניו שיוושע בישועה.

אבל באמת מצבו היה קשה כל כך, שלא היה לו אפילו לשלם על הוצאות הדרך, ובלית ברירה התחיל לילך רגלי עד לפרעמישלאן.

בהיותו באמצע הדרך נסע אצלו עגלה ובו ישב יהודי תלמיד חכם עם הדרת פנים, העגלה נעצר אצלו והיהודי נותן לו שלום ושאל אותו לאן פניו נועדות, וענה לו שהוא בדרך להרב הקדוש מפרעמישלאן.

אמר לו היהודי "נו, מאיר'ל איז דא!" כי זה היה הרה"ק רבי מאיר'ל בכבודו ובעצמו. "למה אתה צריך לדבר אל מאיר'ל?", שאלו הרבי.

ר' יצחק התחיל לבכות במר נפשו "רבי, המצב הוא מר מאד, החובות הם עולים למעלה ראש ".

אמר לו הרבי "בפרשה זו אנו קוראין פרשת **נצבים וילך**, וזה הרמז שאם **נצבים** עד עכשיו היה ההצלחה עומד, ולא היה הצלחה, מכאן ואילך יהיה **וילך**, שיהיה הצלחה גדולה והכל יהיה עצהיו"ט.

הרבי נסע לדרכו, ורבי יצחק גם כן נסע לביתו, ואכן מהיום ההוא והלאה ההצלחה האירה לו פנים ונתקיים בו **'וילך'** כאשר הכל הלך כמו מקדם.

# אוצר המשלים

דער הייליגער **דברי חיים זי"ע** פלעגט זאגן דעם משל ביי שלש סעודות אין די טעג פון **חודש אלול**.

עס איז געווען א ארימע פרוי וואס האט געהאט עטליכע קינדער וואס האבן געבעטן פון די מאמע צו עסן, אבער זי האט נישט געהאט וואס צו געבן פאר די קינדער, איינמאל האט זי געטראפן א איי האט זי גערופן אירע קינדער און זיי געזאגט קינדערלעך, מיר דארפן זיך מער נישט זארגן, איך האב דא א איי, און פון דעם וועלן מיר זייער רייך ווערן.

די פרוי האט מסביר געווען פאר די קינדער אז מ'וועט נישט אויפעסן די איי, נאר דאס לייגן אונטערן הינדל ביים שכן, און די איי וועט געבוירן א הינדל, און די הינדל וועט לייגן נאך אייער, און דאס וועט ברענגען נאך הינער, און ווען עס וועט שוין זיין אסאך הינער און אסאך אייער וועט מען דאס פארקויפן, און קויפן דערמיט א קעלבל, און דאס קעלבל וועט מען האדעווען ביז ווען זי וועט געבוירן א קוה, און די קוה וועט מען האדעווען ביז ווען זי וועט געבוירן נאך א קעלבל, ביז ווען עס וועט זיין אסאך קועהן און אסאך קעלבלעך, פון דאס געלט וועט מען קויפן א פעלד, און דאס וועט וואקסן, און שפעטער וועט זיין אסאך קוהען, קלעבער, און פעלדער, ביז ווען מ'וועט זיין זייער רייך און עס וועט זיי גארנישט פעלן.

אזוי רעדנדיג די פלענער האט זיך די איי ארויסגעגליטש פון איר האנט און צובראכן...

האט דער הייליגער **דברי חיים** אויסגעפירט יעדעס יאר ווען עס קומט אן חודש אלול מאכט זיך יעדער א פלאן מיט קבלות טובות, אז פון היינט און ווייטער וועט ער שוין זיין גוט און ער וועט תשובה טון, און ער שטעלט זיך אויס א פלאן ווי ערליך און וואויל ער וועט זיין און נאר טון מצות ומעשים טובים, און מער קיינמאל נישט זינדיגן, אבער נאך די הייליגע טעג פאלט אראפ די איי פון פון אלע פלענער בלייבט נישט גארנישט איבער.

דעריבער דארף יעדער טראכטן בשעת ער נעמט זיך פאר די קבלות טובות אז ער זאל זיך קענען דערמיט האלטן, און ער זאל ח"ו נישט צוריק פאלן נאכלאזן נאך די ימים נוראים.